LIVING TORAH

# פרשת לך-לך

## משיחת י"א ניסן ה'תשמ"ג

**הנחה פרטית בלתי מוגה**

ס'קען גאָר זיין, אַז דער וואָס דורך אים איז אַרויסגעקומען דער גאַנצער ענין — האָט גאָר ניט מרגיש געווען, און איז אויך ניט מרגיש איצטער וואָס ער האָט אויפגעטאָן.

וואָס דאָס איז, כאמור, אַ סיפור וואָס הי' בפועל, און אין ארצות הברית, ובשנה זו,

אַז ס'איז געווען אַ איד, [און ער איז דאָ איצטער אויך, מאריך-ימים ושנים טובות זיין עם בני-ביתו], וואָס דער אויבערשטער האָט אים געשענקט מיט נכסים, צווישן זיי אויך געשענקט אים — זאָל ער פאַרנוצן געזונטערהייט — אַ שיפל. בלשון המדינה: אַ יאַכט.

אַזוי ווי ביים אידן האָט מען געפועל'ט, אַז ער דאַרף זיך ניט שעמען דערמיט וואָס ער איז אַ איד בחיי יום-יום, און ניט זיך ניט שעמען ניט פאַר אידן שעמען זיך און ניט פאַר ניט-אידן שעמען זיך, ביז וואַנענט אַז ער האָט דאָס אָנגעהויבן דורכפירן אַזוי בפועל.

בשעת ער איז אַרויסגעפאָרן, כדרכו מזמן לזמן, אויף עטלעכע טעג אויף האָבן די ימי החופש אויף זיין יאַכט, איז בשעת ס'פלעגט קומען זמן התפילה, האָט ער דאָך געוואוסט, אַז די תפילת שמונה-עשרה, תפילת העמידה, דאַרף דאָך זיין פניו לירושלים — האָט ער געדאַרפט וויסן וואו ס'געפינט זיך מזרח.

בשעת ער איז בביתו, אַ מקום קבוע, ווייס ער וואו מזרח איז; בשעת ער פאָרט אויף אַ שיפל דאַרף מען דאָך וויסן איידער ער שטעלט זיך דאַווענען, איידער ער שטעלט זיך שמונה-עשרה, וואו ס'געפינט זיך דער צד מזרח, כדי ער זאָל זיין "פניו לירושלים".

ווי אַזוי קען מען דאָס אויסגעפינען זייענדיק אויף אַ יאַכט? איז דאָ מערניט ווי איין און איינציקע עצה — אויף צו פרעגן ביי דעם "קאַפּטאָן" — באַ דעם ראש החובל — פון דער יאַכט, וואו ס'געפינט זיך מזרח. האָט ער דאָס אַזוי געטאָן.

בשעת ער האָט דאָס געטאָן איין מאָל, האָט ווייזט אויס דער ראש החובל, דער קאַפּטען, געמיינט, אַז דאָס איז "מקרה נקרה הוא": מאיזה טעם שיהי' וויל ער וויסן וואו ס'איז מזרח — פרעגט ער ביי אים וואו איז מזרח.

בשעת ער האָט ביי אים געפרעגט איין מאָל און אַ צווייטן מאָל און אַ דריטן מאָל — האָט ער ביי אים געפרעגט: וואָס עפּעס מיט אַמאָל? ער איז ניט קיין ראש החובל, אפילו ניט קיין מלח — ניט קיין מאַרין, ניט קיין מאַטראָז; וואָס איז אים נוגע וואו איז דאָס מזרח כדי צו וויסן ווי אַזוי צו פירן די יאַכט — ניט דאָס איז זיין ענין, דאָס טוט דער ראש החובל.

אַזוי ווי ער האָט זיך אָנגעהויבן פירן, אַז "אל יבוש מפני המלעיגים", און בשעת מ'איז אַ איד באמת האָט מען זיך ניט מיט וואָס צו שעמען, ואדרבא — דאָס איז גאָר "גאון יעקב" אויף ניט באַהאַלטן דאָס, האָט ער אים געזאָגט דעם אמת! אַז אַזוי ווי ער דאַרף דאַווענען צום דעם אויבערשטן, און דער דאַווענען דאַרף זיין, אַז ס'זאָל גיין דורך ירושלים, דורכן בית-המקדש וואָס הי' בירושלים, איז כדי דער דאַווענען זאָל זיין "לפני מי



© 2002 Jewish Educational Media, Inc.

# פרשת לך-לך

אתה עומד" — דאַרף זיין "פניו לירושלים".

האָט אים געענטפערט דער קאַפּטאַן: אויב אַזוי — זאָגט ער, אַז ניט קוקנדיק אויף דערויף וואָס ער איז גאָר אַ מצליח אין עסקים, [און עד כדי כך, אַז דער ראש החובל איז ביי אים אַ משרת], ליגט אים אין קאָפּ צו טראַכטן וועגן דעם אויבערשטן דריי מאָל אַ טאָג, ועד כדי כך, אַז ניט נאָר צו סתם אַ טראַכט-טאָן, נאָר שטעלט זיך אַוועק, מפסיק מכל עניניו, און וויל מכוין זיין דוקא פניו למזרח, כדי די תפילה זאָל זיין ווי תפילה דאַרף זיין,

אויב אַזוי — זאָגט ער אים — וועט ער אויך אָנהויבן אַ טראַכט-טאָן וועגן דעם אויבערשטן!

— אַזוי ווי איך האָב דאָס געהערט מכלי שני, ווייס איך ניט צי האָט ער אויך מסיים געווען, אַז ער וועט אויך מאַכן אַ "פרייער", אָבער אַ טראַכט-טאָן וועגן דעם אויבערשטן איז שוין אַ "פרייער"!

וואָס דורך אָט דער הנהגה פשוטה, וואָס לכאורה איז ניט געווען אין דערויף קיינע כוונות פון רזין ורזין דרזין און אויף מקיים-זיין אַ פסק-דין פון רמב"ם, נאָר ער איז זיך געגאַנגען לבטח דרכו, אַז בשעת מ'דאַרף דאַווענען דאַרף מען זיין פניו למזרח, האָט ער זיך ניט וואָס צו שעמען און אויסגעפינען וואו מזרח איז, אפילו דורך אַ ניט-איד.

וואָס איז דערפון אַרויס בפועל? דאָס האָט פאַרבונדן דעם ניט-אידן מיט דער מצוה וואָס דאָס איז שולל דער ענין עבודה-זרה, וואָס דאָס איז דער ענין פון איינע פון די שבע מצוות בני-נח.

און וויבאַלד אַז אַ מצוה האָט אין זיך אַ טבע, אַז "מצוה גוררת מצוה" — איז אַ זיכערע זאַך, אַז דאָס האָט אויך געהאַט אַ המשך באַ דעם ראש החובל, באַ דעם קאַפּטען.

און ס'איז אויך אַ זיכערע זאַך, אַז מ'וועט זיך נאָכפרעגן: וואָס האָט ביי אים פאַסירט — באַ דעם ראש החובל — במשך הימים והשבועות שבינתיים, וועט זיך אַרויסווייזן ענינים פון השגחה פרטית וואָס ס'האָט געהאַט אַ השפעה אויף דעם ניט-אידן, אויף דעם ראש החובל, אָט דאָס וואָס אָט דער איד האָט ביי אים געפרעגט וואו איז מזרח — האָט דאָס אים געבראַכט צו אַ טראַכט-טאָן וועגן דעם אויבערשטן,

וואָס דערפאַר, בימים שלאחרי זה, אַז ער האָט גערעכנט אפשר טאָן אַ זאַך וואָס דאָס איז ניט בצדק ויושר, און האָט זיך דערמאָנט, אַז ס'איז דאָ אַן "עין רואה" פון דעם אויבערשטן — האָט דאָס אים אָפּגעהאַלטן!



© 2002 Jewish Educational Media, Inc.